NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13191

DI REVOLUTSYE VET

M. Shifris

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נומער 5.

209

13/3383(ב)

די רעוואָלוציע וועט קומען

ווילים טאַטע איז געווען אַ שוך־אַרבעטער. האָט דער באַלעבאָס איינמאָל צוגערופֿן די אַרבעטער און זיי געלאָזט וויסן, אַז זיי מוזן אַרבעטן יעדן טאָג אַ שאָ מער און אַרונטערלאָזן צען פּראָצענט פֿון זייערע סכירעס. זיינען די אַרבעטער אַרויס אין סטרייק. האָט זיך דער סטרייק געצויגן מאָנאַטן לאַנג. דער באַלעבאָס האָט אָנגעשטעלט פּאָליציי און שלעגערס און די אַרבעטער האָבן שוין מער ניט געקענט הונגערן און פֿאַרלוירן דעם סטרייק. איז ווילים טאַטע אַרומגעגאַנגען און ניט געקענט געפֿינען קיין אַרבעט. איז אַוועק אַזוי אַ צייט און אין שטוב איז שוין מער ניט געווען קיין שטיקל ברויט.

איז ווילים מאַמע אַרויס עפּעס פֿאַרדינען. האָט זי געוואַשן דילן אין רייכע הייזער, באַדינט די רייכע באַלעבאָסטעס און פֿאַרדינט קוים אויף ברויט.

האָט עס ווילי ניט געקענט צוזען. ער איז דאָך שוין עפּעס אַ גרויסער באָכער, באַלד עלף יאָר אַלט. איז ער אַרויס אין גאַס, גענומען אַ פּעקל צייטונגען, און גענומען שרייען:

— עקסטראַ, עקסטראַ, לעצטע נייעס!

און יעדן טאָג פֿאַרדינט עטלעכע סענט.

זומער אין די היצן איז ווילי אַרומגעלאָפֿן אַ פֿאַרשוויצטער. אין מויל האָט געטרוקנט און ער האָט געריסן דעם דינעם האַלז:

— לעצטע נייעס, פּייפּער!

ווינטער אין די פֿרעסט איז ער אַרומגעלאָפֿן אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, דורכגעפֿרוירן דאָס גאַנצע לייב און אויסגעשריען די לעצטע נייעס:

— פּייפּער, מיסטער, פּייפּער!

איינמאָל, ווי ער שטייט אַזוי מיט די לעצטע עטלעכע צייטונגען, קומט צו צו אים אַ קליינער יאַטל מיט לעבעדיקע אויגן:

— העלאָו, כאַווער!

קוקט אים ווילי אָן. וואָס פֿאַר אַ כאַווער איז ער אים, אַז ער קען אים אַפֿילע ניט.

האָט יענער אַ געשליפֿן צינגל, גיט ער עס אַ לאָז אָפּ אַזוי ווי אַ שרייפֿלעך. דערציילט ער אים, אַז ער איז אַ פּיאָנער און אַז אַלע אַרבעטער זיינען גלייך, און אויב ער וויל טאַקע וויסן וועגן לענינען

„האָט יענער אַ געשליפן צינגל, גיט ער עס אַ לאָז אָפּ אַזוי ווי אָף שרויפלעך.“

און סאָוועטן־פאַרבאַנד און.... אַ סאַך, אַ סאַך זאַכן, זאָל ער טאַקע אָט שוין גיין מיט אים. ס'איז באַלד זיבן אַזייגער, וועט זיין דער מיטינג פון די פיאָנערן.

מיט ווילין האָט מען לאַנג ניט געדאַרפט טאַינען, איז דאָך זיין טאַטע אַן אַרבעטער און די מאַמע אויך, און ער אַליין? האָט מען טאַקע קיין סאַך ניט געדאַרפט ריידן. לעניץ, סאָוועטן־פאַרבאַנד, סערפּ און האַמער, רויטע פאָן — ס'איז אים גלייך אריין אין די ביינער.

— אָך, — האָט ווילי גענומען כאַלעמען — וועט עס דאָ ווערן אַ רעוואָלוציע, אָט ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און אַז ס'וועט געשען, וועט ער דער ערשטער געבן אַ יאָג אַרויף אין דער „מאָרגן־פרייהייט" און „דעילי וואָירקער", אַ כאַפּ טאָן די פעקלעך און אַ געשריי טאָן: —

— עקסטראַ! ספּעשל! אַמעריקע אַ פריי לאַנד, אַמעריקע — אַ סאָוועטן־פאַרבאַנד!

און ווילי איז איבערפילט מטי פרייד. ער גייט איבער דער גאַס, גיט זיך אַ קוליע איבער דריי מאָל און צעשרייט זיך:

— עקסטראַ, עקסטראַ, רעוואָלוציע!

מענטשן קוקן אָף אים ווי אָף אַ מעשוגענעם, און ווילי האַלט זיך צו דאָס מויל ע׳ ׳ זאָל ניט אויסשיסן אַ געלעכטער.

ווילי איז אַקטיוו. פאַרשפּרייט ליפלעטס און טוט אָפּ שטיקלעך. אין אַלע צייטונגען לייגט ער אַריין קאָמוניסטישע ליטעראַטור. מען בעט אים אַ „טיימס", רוקט ער אונטער אַ „דעילי וואָירקער". ניט איינמאָל האָט ער שוין געכאַפּט אַ פּסאַק פאַר דעם.

נאָך אַ שווערן־טאָג אַרבעט, פאַלט ער אַוועק שלאָפן ווי אַ דער־הארגעטער.

מיטאַמאָל, מען רייסט אים פון שלאָף:

— שנעל, כאַווער ווילי, ס'האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. שנעלער, אין אַרבעטער־צענטער, מען דאַרף אַרויסלאָזן אַן עקסטראַ, אָנזאָגן דער וועלט!

ווילי כאַפּט זיך אויף ווי אַן אָפּגעבריטער און לויפט גלייך אַוועק אָף יוניאָן סקווער.

טוט זיך עס דאָרטן אַ ביסל! טויזנטער אַרבעטער, דער אַהין, דער אַהער, יעדער טראָגט אַ רויטע לענטע אָפן אָרבל און אַ ביקס אָף דער פּלייצע.

קוים זיך דורכגעריסן. - אריין אין „דעילי וואָירקער“, פון דאָרטן אין דער „מאָרגן-פרייהייט“. אַ כאַפּ געטאָן פּעקלעך צייטונגען און היידאַ — ספּעשל עקסטראַ! הוראַ! די רעוואָלוציע איז דאָ! די אַרבעטער האָבן איבערגענומען דאָס לאַנד!

— הוראַ, עקסטראַ! אַמעריקע אַ פריי לאַנד! אַמעריקע — אַ סאָוועטן-פאַרבאַנד! זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

— וואָס האָסטו זיך צעשריען? וואָסי געשען?

ווילי רייבט די אויגן:

— הא? וואָס? מאַמע, די רעוואָלוציע.

— וואָס האָט זיך דיר געכאָלעמט? — שמייכלט די מאַמע.

צעשמייכלט זיך ווילי:

— די רעוואָליציע. איך האָב געמיינט, זי איז שוין דאָ.

— זי וועט זיין, קינד מיינס, זי וועט זיין.

— „יו בעט“ — שרייט ווילי אוים אַ פריילעכער און נעמט זיך שנעל אָנטאָן צו גיין אין שול אריין.

זיי האָבן זיך באַגעגנט

מיט האַסט האָט זיך רויטבערג, אַ אידישער לערער פון אַן אַרבעטער קינדער־שול, דורכגעשניטן אַ וועג דורכן אָנגעכמורעטן פּרי־מאָרגן־אווילעם, וואָס האָט זיך געגעבן אַ שאָט אַרוים פון סאָבווי. היפּערנדיק צו צוויי און צו דריי טרעפּ איז ער איינס אין צוויי שוין געווען באַם אַרויסגאַנג און שווער געאָטעמט. אַ קאַלטער, ווינטער־דיקער פרימאָרגן האָט אים באַלד געגעבן אַ כאַפּ אַרום און געבראַכט דעם רייעך פון פולווער פון דער באַלד־אָנקומענדיקער שלאַכט. אויף די ראָגן און אין אַלע זייטן און ווינקלען פון די אַרומיקע גאַסן זיינען געשטאַנען אָנגעכמורעטע פּאָליציילייט מיט פאַרביסענע בולדאָג־מאָרדעס און ציוויל־געקליידטע, פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, מיט הייע פּענימער און שפּיציקע, אומרואיקע בליקן.

פון געוואוינהייט האָט ער זיך עטוואָס איינגעבויגן און אַריינ־געצויגן דעם האַלז אונטערן קאָלנער פון ווינטער־מאַנטל, צו באַשיצן זיך פון דער שפּיזיקער קעלט, האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז ער איז געקומען אויפן רוף פון דער פּאַרטיי צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, האָט ער זיך געגעבן אַ ציי אוים און אַ שטאָלצער זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער גאַס.

ס'איז נאָך געווען פרי. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך נאָך ניט אָנ־געהויבן. אַרבעטער זיינען אָנגעקומען פון אַלע ראָגן, שפּאַצירט אַהין און צוריק אויף די טראָטואַרן, זיך איבערגעוואונקען, דורכגעשמייכלט און ווייטער געגאַנגען, קלוימערשט ווי פרעמדע, גלייך מען קען ניט איינער דעם צווייטן.

רויטבערג האָט זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין. דער קאַלטער, בייסיקער ווינטער־פרימאָרגן האָט דורך דעם אַלטן, אָפּגעטראָגענעם מאַנטל דורכגענומען זיינעביינער און אים אונטערגעטריבן צו פאַר־שנעלערן זיין גאַנג. באַלד האָט ער אָנגעטראָפן עטלעכע באַקאַנטע אַרבעטער. ער האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסן און מיטשפּאַצירט מיט זיי. ס'איז אים געוואָרן יאָנטעוודיקער, פריילעכער.

מיטאַמאָל, ווי אויף אַ באַפעל פון אַ ניט־געהערט וואָרט, האָט זיך ווי אַ שלאַנג אַ צי־אוים געטאָן אַ לאַנגע ריי מאַרשירנדיקע אַרבעטער. ווי אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן, צו פיר אין אַ שורע, זיינען זיי גע־גאַנגען. מיט שטאָלצע טריט און פאַרריסענע קעפּ. די דעמאָנסטראַציע

האָט זיך אָנגעהויבן. איידער רויטבערג האָט זיך נאָך געכאַפּט ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען, איז ער שוין געווען צווישן איינעם פון די רינגען פון דער ריזיקער שלאַנג. באַלד האָט אָפּגעהילכט אין קאַלט; ליכטיקן פרימאָרגן:

„שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז, און נויט —
דער גייסט ער קאָכט, ער רופט צו וואָפן
אין שלאַכט אונז פירן איז ער גרייט."

אַפן ראָג זיינען מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן הונדערטער פּיאָנערן מיט רויטע טיכלעך אַף די העלזער און בליצנדיקע פלעמלעך אין די אויגן. ביידע רייען האָבן זיך באַגריסט מיט אַ שטורעמדיקן „הוראַ!" איינער האָט אַ געשריי געטאָן:

— פּיאָנערן, זייט איר גרייט?

אַ הילכיקער ענטפער האָט אָפּגעקלונגען:

— שטענדיק גרייט!

און דער „אינטערנאַציאָנאַל" איז געוואָרן קרעפטיקער, שטורעמדיקער.

רויטבערג האָט אויפגעפלאַמט. דאָס האַרץ איז שיר אַרויסגעשפּרונגען פון אָרט. ער האָט געשטעלט פעסטערע טריט און אויפגעהויבן זיין שטים העכער, שטאַרקער, געווען גרייט צו קעמפן מיט אַ גאַנצן סקאַדראָן פּאָליציי. קיין זאַך וואָלט אים איצטער ניט אָפּגעשטעלט. ס'האָט זיך אים געוואָלט אויסשרייען:

— זעט, זעט, די קינדער זיינען דאָ. זיי זיינען מיט אונז, מיר זיינען ניט אַליין! זיי קומען, זיי קומען.

אָט גייען אונטער זיי יונגע קאָמוניסטן, אַזעלכע שלאַנקע, שטאָלצע יונגען, אַזעלכע זשוואַווע, ברענענדיקע מיידלעך, אונזערע קינדער. רויטבערגן ווילט זיך אַרויסלויפן, זיך אָנשליסן אָן זייערע רייען, זיי אַלע אַרומנעמען, מאַרשירן מיט זיי. האָט ער דאָך אַזוי פיל יאָרן זיי אָוועקגעגעבן. אַזוי פיל געזונט. צווישן זיי איז ער דאָך איינער פון זיי.

זיינע געדאַנקען ווערן פאַרשריען פון הוראַ-אויסגעשרייען און פון שטורעמדיקע קאַמפּס-לידער.

אַ סעקונדע, און עפּעס האָט געפּלאַצט אין דער לופט.

פּאָליציי האָט מיט אַמאָל אָפּגעלאָזט דעם קאָס, וועלכער איז

פריער געווען געצוימט ווי אַ הונט אַף אַ קייט. מען האָט אָנגעהויבן ברעכן די רייען. פּאָליציייִאישע שטעקנס האָבן גענומען טאַנצן איבער קעפּ און פּלייצעס. פערדישע פּאַדקאָוועס האָבן גענומען האַקן איבער די פּיס. קנוילן זיינען אויפגעלאָפן אין פאַרשיידענע זייטן. היס־טערישע אויסגעשרייען פון פרויען און קינדער, אויסגעמישט מיט שטורמישע „הוראַס" האָבן געריסן די לופט.

אַלע מאָל האָט אין אַן אַנדער ווינקל אויסגעבראָכן אַ קאַמף. דאָ און דאָרט איז אַן אַרבעטער געפאַלן באַוואוסטלאָז, כאַוויירים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ראַטעווען די קאַרבאָנעס און באַלד אַליין געפאַלן קאַרבאָנעס. אין איין ווינקל האָט אַ צעיושעטער פּאָליציימאַן אַ הויב געטאָן דעם שטעקן אַף אַ גרייז־גראָען קאָפּ פון אַן אַרבעטערין. זיין האַנט און זיין גאַנצער קערפּער איז אָבער באַלד איינגעקלאַמערט גע־וואָרן צווישן פלינקע הענט פון פּיאָנערן און יונגע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט.

ס'האָבן זיך געגעבן אַ יאָג־אָן עטלעכע צעווילדעוועטע קעמפער. אַ דובינע האָט אַ שוואונג געטאָן און מיט אייזערנער געוואורע זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן פּאָנים פון אַ יונגן קאָמוניסט. איבערן טונקעלן, ליינגלעכן פּאָנים האָט אַ שטראָם געטאָן בלוט און אַ באַוואוסטלאָזער איז ער געפאַלן אַפן טראָטואַר. רויטבערג האָט אויפגעציטערט, ניט געקוקט אַפן פּאָליציימאַן, וואָס האָט אים גענומען נאָכיאָגן, און צו־געלאָפן אויפהויבן דעם יונגן כאַווער. אַן אייזערנע פּויסט האָט אים אַ זעץ געטאָן איבערן פּאָנים, אַ גרויזאַלצענע פּליסיקייט האָט אים גע־געבן אַ שטראָם אַרויס פון מויל. אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרלאָרן, גלייך געקומען צו זיך און געפילט, אַז אַ שטאַרקע האַנט רייסט אים דעם קאָלנער פון ראָק ביז דערוואָרגן צו ווערן. רויטבערג האָט זיך איינ־געקלאַמערט מיט אַלע קויכעס אין פאַרוואונדעטן און ניט אָפּגעלאָזט. אַ שטאַרקער פוס האָט אים אַ בריק געטאָן. ס'האָט אים אַ שניט געטאָן איבער די פּיס, ווי מיט אַ שאַרפן אייזן. מיט אַלע קויכעס האָט ער גע־פּרואווט אויפהויבן דעם כאַווער. פלינק איז אונטערגעלאָפן אַ יונגער נעגער און געהאָלפן אויפהויבן דעם פאַרוואונדעטן.

מיט ליאַרעמדיקן געקלאַנג איז אָנגעקומען די „שוואַרצע מאַריאַ" (דער פּאַטרול־וואָגן). צווישן די צענדליקער אַרבעטער האָט מען אויך אַריינגעפּאַקט רויטבערגן מיט דעם צעשלאָגענעם כאַווער און דעם יונגן נעגער.

אין בלינדן, אַנגעפּאַקטן וואָגן איז שוין קיין פּלאַץ ניט געווען. מען איז פּאַשעט געלעגן איינער אַפן אַנדערן. ניט געקאָנט זיך אַ ריר טאָן. ניט געווען קיין פּלאַץ צו אָטעמען. אַ דיקער, אַנגעפּרעסענער פּאָליציימאַן האָט זיי גענומען אַריינפּאַקן מיט אײַזערנע הענט, און רויטבערג.האָט מיט איין האַנט זיך געמוזט אָנהאַלטן אין ראַם פון דער אָפענער טיר און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם פּאַרבלוטיקטן, באַוואוסטלאָזן יונגן כאַווער. ער האָט גענומען פּראָטעסטירן:

— לאָזט מיך אים אַוועקפירן אַהיים. איר זעט דאָך, אַז ער דאַרף אַ דאָקטאָר!

— טעל איט טו דהי דזשאַדזש, יו דווירטי רעד! — האָט דער פּאָליציימאַן אַ בייזן בורטשע געטאָן.

די „שוואַרצע מאַריאַ" האָט זיך צעקלונגען און זיך גענומען יאָגן גאַס-אויס, גאַס-איין.

איינגעדריקט און איינגעקוועטשט איינער אַפן צווייטן, האָבן די אַרבעטער אויפגעזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". פון די פאַרשטיקטע מיילער אין דער טיפקייט פון בלינדן וואָגן האָט זיך געריסן דאָס געזאַנג און זיך פאַרשפּרייט איבער די גאַסן. די מיילער זייערע האָבן זיך גאָר ניט צוגעמאַכט. איין קאַמפּס-ליד נאָכן צווייטן האָט אויפגעברויזט. דער פּאָליציימאַן האָט געקריצט מיט די ציין, ניט געקאָנט פאַרשטיין דוכט זיך, אַזוי צעקלאַפּט, צעבלוטיקט און אַרעסטירט, און זיי, גלייך ווי גאָר ניט. זינגען נאָך. אַלע מאָל שטורעמט אויף אַן אַנדער ליד.

דער וואָגן איז אַריין אין אַ פאַרמויערטן הויף. מען האָט זיי דורכגעפירט דורך אַ שמאָלער, אײַזערנער טיר און מיט ווילדער רעציבע האָט מען זיי אַלע אַריינגעשליידערט אין איין צימער און פאַרהאַקט די טיר.

גרויע, ברודיקע ווענט. העט אויבן, באַ דער סטעליע, אַ פענצטערל, וואָס איז שוין ווער ווייס וויפיל יאָרן ניט געוואַשן געוואָרן. אַ צעמענטענער בלאָטיקער דיל, צוויי לאַנגע בענק באַ די זייטן. פּלאַץ פאַר אַכט אָדער צען מענטשן. אַט דאָ האָט מען אַריינגעפּאַקט אַריבער זעכצן אַרעסטירטע. ס'איז געווען איינג, דערשטיקט צו ווערן. ס'האָט געריסן אין האַלז, געקיצלט די נאָז.

רויטבערג האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צום ווינקל, וואו ס'האָט זיך געפונען דער וואַסער-קראַן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן קאַלטן צעמענטענעם דיל, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ פון פאַרוואונדעטן באַ זיך

„ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט.“

אַף די פּים און. געבעטן דעם נעגער ער זאָל איינגעצן זיין טיכל איז וואַסער.

זיין קאָפּ איז געווען פאַרריסן צום נעגער באַם וואַסער-קראַן און ער האָט ניט געזען ווי דאָס בלוט פון זיין מויל קאַפּעט אַראָפּ און מישט זיך צונויף מיטן בלוט פון יונגן כאַווער.

מיטן נאַסן טיכל האָט ער גענומען אַראָפּוואַשן דאָס בלוט פון פאַרוואונדעטן. פון דער קאַלטער נאַסקייט אַפן הייסן פּאָנים האָט דער פאַרוואונדעטער אויפגעציטערט. ער האָט געעפנט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן. גרויסע אויגן ווי באַ אַ נעגער, מיט גרויסע ווייסלעך, און אינמיטן טיפע, סאַמעט-שוואַרצע רעדעלעך.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט.

רויטבערגן איז געווען באַקאַנט דאָס ליינגלעכע טונקעלע פּאָנים

מיט די לעבעדיקע אויגן. וואו האָט ער זיי געזען ? פון וואַנען קען ער דאָס פּאָנים ?

ער האָט שנעל געטראַכט, און באַלד האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן. זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן האַסטיקער. דאָס איז דאָך סעמי. יאָ, דער פלינקער שטיפער, סעמי, זיין שילער. שוין אַ יאָר זיבן אין דעם. די מאַמע זיינע האָט דאַן געפּייערט זיין געבורטסטאָג אין שול. אין דריטן קלאַס איז ער געווען. צען יאָר איז ער אַלט געווארן. מיט רויטן איז די שול געווען אויסגעפּוצט. ער געדיינקט איצט אַלץ. סעמי האָט געפלאַמט ווי אַף אַ פרעמדער סימכע. נאָר ווען ער האָט גערעדט, איז סעמי געווען ערנסט. זיינע אויגן האָבן געבליצט. די לעצטע ווערטער פון זיין רעדע — ער געדיינקט איצט יעדעס וואָרט — זיינען געווען: מיין וואונטש איז, אַז דו זאָלסט אויפוואַקסן און אויסנוצן דיין לערנען פאַרן אַרבעטער־קלאַס, און מיר ביידע זאָלן זיך באַגעגענען אין די קאַמפן פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער. און סעמי האָט געענטפערט, ווי זיין שטייגער, פלינק און קורץ: שטענדיק מיטן אַרבעטער־קלאַס.

רויטבערג איז געווען פאַרטראַכט און ניט געזען ווי די שווארצע אויגן נעמען אים דורך.

— לערער רויטבערג, כאַווער ——

רויטבערג האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— סעמי !

— יאָ, סעמי, — האָט ער שוואַך געענטפערט, און נאָך אַ ווייל־ז שווייגן:

— מיר האָבן זיך באַגעגענט.

און זיינע גרויסע אויגן האָבן געשמייכלט.

סעמי האָט אויפגעהויבן אַ שוואַכע האַנט. רויטבערג האָט זי אונטערגעכאַפּט און וואַרים געדריקט.

דער יונגער נעגער, סעמים כאַווער, האָט אַנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן.

סעמי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים.

— דאָס איז מיין געוועזענער לערער. ער האָט מיך געבראַכט אַהער.

דער נעגער האָט פאַרשטאַנען, און אַף ביידע צוזאַמענגעדריקטע הענט אַרויפגעלייגט זיין ברוינע, ברייטע האַנט.

דורך די דריי הענט האָט געשטראָמט איין כאַווערשע וואַרימקייט.

דער ערשטער מאַי

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך די זון געפּלאָנטערט צווישן שטאָטישן טומל און גאָרנדיקע מויערן און ערשט פאַרנאַכט, שוין פאַרן אונטער־גיין, זיך קוים דערשלעפּט צום קלאַס־צימער פון דער אַרבעטער קינדער־שול. די לעצטע, אויסגעצערטע שטראַלן האָבן זיך איינגע־קלאַמערט אין די צוויי פענצטער־ראַמען און מיט אַ גליקלעכן שמייכל פון איינעם וואָס האָט זיינס אָפּגעטאָן, געקוקט אױף די קינדער.

די קינדער, מיט אָפענע מיילער און אויפגעפלאַמטע בליצלעך אין די אויגן, האָבן געקוקט אָפּן לערער און געשלונגען יעדעס וואָרט.

דער לערער האָט דערציילט פון ערשטן מאַי. די ערשטע צוויי ווערטער „ערשטער מאַי" זיינען אַרום פון זיינע ליפּן צוזאַמענגעהעפט ווי אַ קישעפדיק קנײלעכל און פון קנײלעכל האָט דער לערער גענומען אויסקנוילן וואונדערלעכע מאַיסעס. זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם קלאַס. דער לערער האָט עס דערפילט, געוואָרן באַגייסטערט און ווי מיט אַ וואונדערלעך פּענזל מיט אַלערליי פאַרבן, גענומען מאָלן בילד נאָך בילד.

פאַר די קינדערשע אויגן האָבן זיך ווי אױף אַ ליילעך אין אַ קינע־מאַטאָגראַף, אויפגעוויקלט בילדער פון ערשטן מאַי אין פאַרשיידענע לענדער.

אַ בילד פון אַמאָליקן רוסלאַנד, אונטערן צאַר, האָט אויפגעלעבט... וואָכן־לאַנג האָט מען זיך געגרייט, אין געהיימע הינטערשטיבלעך האָט מען צוגעגרייט פּראָקלאַמאַציעס... אין אַ קליין צימער, מיט פאַר־מאַכטע לאָדנס, באַ אַ קליינעם קעראָסין־לעמפּל איז געזעסן אַן אָרים שניידער־מיידל און מיט ציטערדיקע פינגער גענייט די רויטע פאָן.

...אינדערפרי איז אַ וואונדער געשען. צוזאַמען מיטן נייעם זוניקן טאָג, צוזאַמען מיטן ערשטן מאַי איז אױף אַ הויכן טעלעגראַף־סלופּ אינ־מיטן שטאָט אויסגעוואַקסן אַ רויטע פאָן. פּאָליציי האָט געקריצט מיט די ציין. די רייכע האָבן געציטערט. קרעמער האָבן פאַרלוירענע געזשמורעט די אויגן און אַרבעטער האָבן פאַרבאַהאַלטן געשמייכלט און זייערע הערצער האָבן מיטגעפלאַקערט מיט דער רויטער פאָן.

און אַז דער טאָג האָט זיך איינגעשטעלט, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן פון הינטערגעסלעך. אַרבעטער מיט פלאַמיקע אויגן, הענט אין הענט געשלאָסן, מיט ברוסט פאָראויס און זיכערע טריט האָבן זיך

געלאָזט איבער גאַסן. רויטע פאָן פלאַקערט פאָראויס — וועג-ווייזער פון די אַרבעטער.

ס'יאָגן זיך אָן פּאָליציי-רייטער און פיס-גייער. פאַרמירן אַ וואַנט. ווילן דעם וועג פאַרשטעלן. אַרבעטער שפּאַנען פאָראויס. נאַגאַיקעס נעמען בייטשן איבער קעפּ און פּלייצעס. אַרבעטער שפּאַנען פאַר־אַקשנט פאָראויס.

— טראַך־טראַ־רא־ראַך!

גליענדיקע קוילן סווישטשען. אַ קויל טרעפט דעם פאַנען־טרעגער. די פאָן נעמט זיך אַרונטערלאָזן צוזאַמען מיטן טרעגער. אָבער איידער זי רירט נאָר אָן די ערד — מאַזאָליעטע הענט כאַפּן זי שוין אויף.

שפּעטער קלייבט מען אויף טויטע, פאַרוואונדעטע. נאָר רויטע פאָן איז שוין ניטאָ, פאַרשוואונדן. ס'האָבן אַרבעטער ניט דערלאָזט, אַז זייער פאָן זאָל פאַרפלעקט ווערן פון שמוציקע פּאָליצייאישע הענט.

סעמי, אַ נײַן־יאָריק אינגל, מיט שוואַרצע אויגן און אַ שוואַרץ קעפּל, איז אײַנגאַנצן פאַרכאַפּט. ער זעט פאַר זיך די גאַנצע פּראָצעסיע. שאַרף, בוילעט. זײַן יונגער קערפּער ציטערט. די הענטלעך שטײַפן זיך, די פינגער פאַרבויגן זיך אין פויסטן, די אויגן פלאַקערן.

דער לערער וויקלט פאַנאַנדער אַן אַנדער בילד:

סאָוועטן־פאַרבאַנד.

נאָך לאַנג פאַרן ערשטן מאַי פילט זיך דער יאָנטעוו אין לאַנד. אַף רעגירונגס־געבײַדעס וואַקסן אויס עלעקטרישע שילדן. ריזיקע פּלאַקאַטן צעוויקלען זיך. מען גרייט זיך אין די פאַבריקן, אין די קלובן, אין שטאָט און אין דאָרף. עס גרייטן זיך די קאָמיוגיסטן און פּיאָנערן. מאָסקווער קרעמל איז אײַנגעטונקט אין רויטן.

געקומען דער ערשטער מאַי. אַ פיל־מיליאָניקע דעמאָנסטראַציע. פון פאַרטאָג הויבט זיך עס אָן. גאַנץ מאָסקווע פּלייצט צום קרעמל. עס מאַרשירן אַרבעטער, רויטע־אַרמייער, קאָמיוגיסטן, פּיאָנערן, מענער, פרויען, קינדער. טויזנטער רויטע פאַנען פלאַטערן. עס פאָרן אויטאָס, רייטער, טאַנקען, מאָטאָרציקלען. פון אויבן הוזשען עראָפּלאַנען. מיליאָנען, מיליאָנען מאַרשירן, הונדערטער קאַפּעליעס שפּילן קאַמפס־לידער. מען זינגט און מען טאַנצט אין די גאַסן. עס איז אַ יאָנטעוו פון אַלערליי פעלקער.

שוין שפּעט נאַכט און עס ענדיקט זיך גאָר ניט.

אַזוי בילד נאָך בילד.

דער לערער פאַרענדיקט:

— דער ערשטער מאַי איז דער אינטערנאַציאָנאַלער יאָנטעוו פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. אין דעם טאָג באַווייזט דער אַרבעטער־קלאַס זיין מאַכט. קיין אַרבעטער טאָר דעם טאָג ניט אַרבעטן.

ווי פון אַ כאַלעם, איז סעמי אַרויס פון קלאַס־צימער. די ערשט־צעוויקלטע בילדער האָבן נאָך געטאַנצט פאַר זיינע אויגן. אַ פאַר־טראַכטער האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים.

ער האָט זיך דערמאַנט אין זיין שמועס מיטן טאַטן וועגן ערשטן מאַי. ער האָט אים געפרעגט צי ער וועט אַרבעטן דעם טאָג. דער טאַטע האָט עפּעס ניט געענטפערט ווי געהעריק. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט אַ צייט ניט געאַרבעט. איצט אַרבעט ער די דריטע וואָך. ער האַלט איצט אין פאַרבן אַ קראָם און ער מוז זי פאַרטיק מאַכן די וואָך, אַניט וועט אים דער באַלעבאָס אָוועקשיקן. ער וועט זען, עפּשער. דער טאַטע האָט אָוועקגעקוקט ווען ער האָט גערעדט.

סעמי האָט אָפּגעמאַכט, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין — דער טאַטע טאָר נישט אַרבעטן דעם ערשטן מאַי. ער טאָר ניט פאַרראַטן דעם אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט.

נאָך וועטשערע האָט זיך סעמי געזעצט וואַרטן אויפן טאַטן. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט דערוואַרטן. די מאַמע יאָגט שלאָפן. ס'איז שוין שפּעט. מאָרגן איז דער ערשטער מאַי. וואָס טוט מען? ס'איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן און ער האָט אים באַלד גענומען דורכ־פירן. ער האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנגעשריבן:

„טאַטע! היינט איז דער ערשטער מאַי. אַלע אַרבעטער סטרייקן. און דו וועסט אויך ניט גיין אַרבעטן. זאָלסט ניט וואַגן גיין אַרבעטן.

סעמי."

ער האָט דאָס צעטעלע צוגעקלעפּט צום שפּיגל באַ וועלכן דער טאַטע פאַרקעמט זיך יעדן אינדערפרי, זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און ניט געוואָלט איינשלאָפן, ער וויל נאָך זען דעם טאַטן.

סעמי האָט דערהערט מוזיק. מען שפּילט דעם „אינטערנאַציאָ־נאַל". ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט צוגיין צום פענצטער אַ קוק טאָן. ערשט... סעמי גלויבט ניט זיינע אויגן — דער טאַטע שטייט און טוט זיך אָן די אַרבעטס־קליידער. זיין טאַטע וועט, הייסט עס, אַרבעטן דעם ערשטן מאַי. זיין טאַטע וועט סקעבן ווען אַלע

ארבעטער סטרייקן? אַרבעטן היינט, ווען מיליאָנען ארבעטער זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ און מאַרשירן מיט רויטע פאָנען. ער גיט זיך אַ ריס און גלייך צום טאַטן:

— טאַטע, ווּעסט היינט ניט אַרבעטן!

— איך מוז — פאַרענטפערט זיך דער טאַטע — דער באַלעבאָס וועט מיך אָוועקשיקן.

— ס'איז דאָך אָבער דער ערשטער מאַי, טאַטע, דער אינטער-נאַציאָנאַלער אַרבעטער-יאָנטעוו!

— וואָס קען איך טאָן?

— וועסט היינט ניט אַרבעטן. דו הערסט, טאַטע. קענסט מיך דערהאַרגענען, אָבער וועסט ניט אַרבעטן.

און ער נעמט רייסן די אַרבעט-קליידער און לאָזט דעם טאַטן זיך ניט אָנטאָן:

— טאַטע, טו עס ניט! ווי וועל איך זיך ווייזן פאַר די קינדער אין שול? איך וועל זיך שעמען צו גיין צום פּיאָנער-מיטינג. טאַטע, גיי ניט.

ער שלעפּט צו דעם טאַטן צום פענצטער:

— זעסט, אַלע אַרבעטער מאַרשירן. זעסט די קינדער פון די שולן, די פּיאָנערן. קום, טאַטע, לאָמיר זיך אָנשליסן אין די רייען.

דער טאַטע שטייט אַ פאַרצווייפלטער. קוקט צום זייגער, וואָס יאָגט די צייט ווייטער און ווייטער און סעמי רייסט און שרייט הויך אויפן קאָל:

— קום, טאַטע, קום מיט מיר, קום!

סעמי כאַפּט זיך אויף. ער קוקט זיך אַרום. זיינע הענט זיינען שטייף און איינגעקלאַמערט אין דער קאָלדרע. דער טאַטע שטייט אַ צעשראָקענער אינמיטן צימער און האַלט אין אָנטאָן די אַרבעט-קליידער.

— וואָס איז געשען, סעמי? וואָס האָסטו אַזוי געשריען, האַ?

סעמי קומט צו זיך.

— טאַטע, האָסטו געלייענט מיין צעטעלע?

דער טאַטע ענטפערט אַ צעטומלטער:

— יאָ. אָבער וואָס האָסטו געשריען אַזוי פאַרצווייפלט?

סעמי'ס אויגן פאַרלויפן מיט טרערן און ער דערציילט דעם טאַטן די גאַנצע געשיכטע.

[illegible]

א יאָ. מאַמען, [illegible] אַרבעטן! איך האָב זיך [illegible] מאַמען

[illegible]

[illegible] איך האָב זיך [illegible]

[illegible]

[illegible]